# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:08
מוצאי שב"ק....................9:38

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................שמואל-ב' י"ג-י"ד
בבלי...............................גיטין ס'
ירושלמי..................תרומות ל'
תוספתא.....................אהלות ד'
רמב"ם......תפלין ומזוזה וס"ת ז'

פרשת מטות מסעי, כ"ו תמוז, מברכים חודש אב, אבות פרק א', שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 12, גליון 42 (612)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ כְּכָל הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה. אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה לֶערְנֶען מִיר דִי מִצְוָה פוּן נְדָרִים. דָאס אִיז אַ פֶּלֶא'דִיגֶע מִצְוָה; עֶס אִיז דָא זַאכְן וָואס דִי תּוֹרָה לָאזְט נִישְׁט עֶסְן, וִוי חֲזִיר פְלֵייש, נְבֵלוֹת אוּן טְרֵיפוֹת, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער צוּ דִי הֲלָכָה פוּן נְדָרִים, אוֹיבּ אַ מֶענְטְש זָאגְט אוֹיף אַן הֶיתֵּר'דִיגֶע זַאךְ: "קוֹנָם כִּכָּר זוּ", אִיךְ גֵיי נִישְׁט הַנָאָה הָאבְּן פוּן דֶעם בְּרוֹיט, אָדֶער פוּן דֶעם גֶעטְרַאנְק, וֶוערְט עֶס אוֹיךְ אָסוּר, דֶער מֶענְטְש טָאר עֶס נִישְׁט עֶסְן, אוֹיבּ הָאט מֶען עֶס גֶעגֶעסְן בְּשׁוֹגֵג בְּרֶענְגְט מֶען אַ קָרְבָּן, אוּן בְּמֵזִיד בַּאקוּמְט מֶען מַלְקוֹת.

דָא זֶעט מֶען דֶעם גְרוֹיסְן כֹּחַ וָואס אַ אִיד הָאט אִין זַיין מוֹיל, אֲפִילוּ אַן עֶסְנְוַוארְג וָואס דִי תּוֹרָה לָאזְט עֶסְן, אוֹיבּ זָאגְט עֶר אַרוֹיס מִיט זַיין מוֹיל מִיט אַ נֶדֶר אַז עֶר גֵייט עֶס נִישְׁט עֶסְן, וֶוערְט עֶס אָסוּר מִן הַתּוֹרָה, אִיז דָאךְ זִיכֶער וֶוען אַ מֶענְטְש קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זָאגְט אִים: "אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד, אִיךְ וִויל לֶערְנֶען, אִיךְ וִויל דַאוֶוענֶען", "בֶּאֱמֶת ווִיל אִיךְ קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נִסְיוֹנוֹת, דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְדְרֵייט מִיר יֶעדְן טָאג מַיין קָאפּ מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל אִינְזִין הָאבְּן דָאס דַאוֶוענֶען", "אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן אוּן אַ רֵיינֶע מֹחַ", - טוּט עֶס זִיכֶער אוֹיף!

דָאס אִיז מוֹרָא'דִיגֶע חִיזוּק, וַוייל מַה דָאךְ וֶוען אַ מֶענְטְש רֶעדְט דִיבּוּרִים פוּן סְתָּם זַאכְן, וִוי 'אִיךְ גֵיי יָא עֶסְן', 'אִיךְ גֵיי נִישְׁט עֶסְן', 'אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן', 'אִיךְ גֵיי נִישְׁט שְׁלָאפְן', וֶוערְט עֶס אַזוֹי חָשׁוּב, עֶס וֶוערְט נֶדֶר, אִיז דָאךְ זִיכֶער וֶוען אַ אִיד זָאגְט אַרוֹיס פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר וִויל, 'אִיךְ גֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן', - אַז דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן זַיינֶע קִינְדֶער יָארְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ט-יב) אַז אִין אָנְהוֹיבּ הָאט עֶר זִיךְ אַסַאךְ מְסַגֵּף גֶעוֶוען, אַסַאךְ גֶעפַאסְט תַּעֲנִיתִים, אָבֶער נִישְׁט פוּן דֶעם הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי גְרוֹיסֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, אוּן מֶען זָאל אִים נִישְׁט נָאכְמַאכְן מִיט דִי סָארְט זַאכְן. דֶער עִיקָר וָואס הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ צַדִיק אִיז גֶעוֶוען דָאס וָואס עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִיש, עֶר הָאט אַסַאךְ זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מִיר אַלֶע קֶענֶען אוּן דַארְפְן נָאכְמַאכְן, וַוייל מִיט דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען רֶעדְט אַרוֹיס פוּן מוֹיל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְש צוּ דִי גְרֶעסְטֶע בֶּעסְטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אַמָאל הָאט אֵיינֶער גֶעזָאגְט פַאר'ן רֶבִּי'ן: "אִיז דֶען אַ קוּנְץ צוּ וֶוערְן אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִיק?! אַוַודַאי אִיז דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעוַואקְסְן דֶער רֶבִּי, וַוייל עֶר שְׁטַאמְט פוּן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים שַׂרְפֵי מַעֲלָה, אִיר זֶענְט אַן אֵיינִיקְל פוּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אִיר זֶענְט אַן אֵיינִיקְל פוּן הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי נַחְמָן הוֹרוֹדֶענְקֶער זי"ע, אוּן פוּן נָאךְ צַדִיקִים, דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת", אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוָוארְן זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוּן גֶעשְׁרִיגְן (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן כו): "אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען צוּ וָואס אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען, נִישְׁט וַוייל אִיךְ שְׁטַאם פוּן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זֵיידֶעס, אוּן נִישְׁט וַוייל מַיין נְשָׁמָה וְכוּ', נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְש קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם", אוּן "אֲפִילוּ אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיי דִי פָּשׁוּט'סְטֶע שְׁטוּבּ, וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַיינֶע מַדְרֵיגוֹת, דוּרְךְ דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט" (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן כה).

עֶס אִיז אַ טָעוּת פוּן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, מֶען מֵיינְט: 'יֶענֶער קֶען מַצְלִיחַ זַיין, וַוייל עֶר אִיז אַ יַחְסָן, אָבֶער מַיין טַאטֶע אִיז אַ וַואסֶער טְרֶעגֶער, אַ דֶעלִיוֶוערִי מֶענְטְש, אַ בָּאס דְרַייוֶוער, מַיין טַאטֶע אִיז אַ גָארְנִישְׁט, אִיךְ קֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין', דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶער גֶעזָאגְט אַנְדֶערְש, וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעהַאט אַ טַאטֶע אַ וַואסֶער טְרֶעגֶער, אַ פֶּעדְלֶער אָדֶער אַ טְרֶעגֶער, וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ צוּגֶעקוּמֶען צוּ וָואס אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעדַאוֶוענְט, גֶעבֶּעטְן אוּן גֶע'טַעֲנָה'ט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֵיין שְׁמוּעֶס בַּיים רֶבִּי'ן וָואס דֶער רֶבִּי זָאל נִישְׁט רֶעדְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, אַלֶע שְׁמוּעֶסְן זֶענֶען נָאר גֶעוֶוען כְּדֵי אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן וָואס אִיךְ טוּ, מֶען דַארְף נִישְׁט שְׁרֵייעֶן, מֶען דַארְף נִישְׁט קְוִויטְשֶׁען, מֶען דַארְף נִישְׁט קְרֶעכְצְן, אִיךְ מַאךְ מִיט דִי לִיפְּן. אֵיינֶער אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען זָאגְן פַאר'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין בַּאזוּנְדֶערֶע צִימֶער וואוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ קוֹיפְן אַן אֵייגֶענֶעם הוֹיז גֵייט עֶר זִיךְ בּוֹיעֶן אֵיין שְׁטָאק פַאר 'הַכְנָסַת אוֹרְחִים', אוּן אֵיין שְׁטָאק פַאר הִתְבּוֹדְדוּת... הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ערה): "אוּנְטֶער'ן טַלִית אִיז אַזוֹי וִוי אַ חֶדֶר מְיֻחָד", מֶען צִיט זִיךְ אַרָאפּ דֶעם טַלִית אוּן מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וואוּ מֶען גֵייט אוּן וואוּ מֶען שְׁטֵייט דַארְף מֶען עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט דִי פָּאר וֶוערְטֶער וָואס מֶען זָאגְט אַרוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן גוּט, סַיי בְּרוּחְנִיוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיוּת. (אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, מַטּוֹת מַסְעֵי תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ אָב

דֶעם שַׁבָּת גֵייעֶן מִיר שׁוֹין בֶּענְטְשְׁן דֶעם חוֹדֶשׁ אָב, אַ חוֹדֶשׁ אִין וָואס מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן בֵּית הַמִקְדָשׁ וָואס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל עֶס שׁוֹין צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן.

דֶער טְרוֹיעֶר אִיז נִישְׁט נָאר אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ וָואס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן מִיט צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר צוּרִיק, נָאר מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיךְ אוֹיף אוּנְזֶער אֵייגֶענֶעם חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ. דֶער מֹחַ פוּן אַ אִיד דַארְף זַיין אַ בֵּית הַמִקְדָשׁ, עֶס דַארְף שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע חוּרְבָּן, אוּן אוֹיף דֶעם טְרוֹיעֶרְן מִיר אוּן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע בֵּית הַמִקְדָשׁ, צוּ טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן,

<<<<<<

## א גוט ווארט

וִויפִיל אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן, זֶע אִיךְ אַז מֶען דַארְף נָאךְ אוּן נָאךְ שְׁרַייבְּן, וַוייל לְפִי וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז, דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען אָן אַ שִׁיעוּר אוּן מֶען פַאלְט כְּסֵדֶר אִין חֲלִישׁוּת הַדַעַת, דַארְף מֶען הָאבְּן כְּסֵדֶר נָאךְ אוּן נָאךְ חִיזוּק.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס גֶע'חַזְרְ'ט מִיט אוּנְז הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער מָאל, אַז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד מֶעסְט מֶען לוֹיט וִוי אַזוֹי עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲזַ"ל זָאגְן (גִיטִין נ"א) דִי סְבָרָה אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט זַיין קַיין כּוֹפֵר הַכֹּל, אָבֶער מוֹדֶה בְּמִקְצָת - דָאס גֶעפִינְט מֶען יָא בַּיי מֶענְטְשְׁן; עֶר גְלֵייבְּט אַוַודַאי אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער עֶר נֶעמְט פַאר זִיךְ אוֹיךְ עֶפֶּעס קְרֶעדִיט, זָאגְט דִי תּוֹרָה אַן עֵצָה, עֶר זָאל שְׁוֶוערְן, דָאס טוּט מֶען מִיט אַ סֵפֶר תּוֹרָה אוּן תְּפִילִין; גֵיי צוּ דִי תּוֹרָה, לֶערְן תּוֹרָה אוּן טוּ אָן תְּפִילִין - וֶועסְטוּ שׁוֹין זַיין אַ מוֹדֶה הַכֹּל, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אַלֶעס.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פִּנְחָס תשפ"ג)



דער מולד וועט זיין: דינסטאג פארטאגס 20 מינוט און 16 חלקים נאך 4 | ראש חודש מנחם אב יהיה ביום הרביעי

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# כְּ'בִּין גָאַרְנִישְׁט וֶוערְד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ב תַּמּוּז,
שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר זָאגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פוּן דִיר אַזַא נַחַת רוּחַ, עֶר הָאט אַ פַארְגֶעניגְן פוּן דִיר, ווִי דוּ כַאפְּסְט אַרוֹיס מִצְוָה'לֶעךְ, דוּ כַאפְּסְט אַרוֹיס גוּטֶע זַאכְן אִין דַיינֶע טִרְדוֹת, אִין דַיינֶע בִּלְבּוּלִים וְכוּ' וְכוּ'.

דוּ מֵיינְסְט דָאס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט... דַיין פְּלַאן אִיז, אֵיין טָאג וֶועסְטוּ נָאךְ וֶוערְן אַ מַלְאָךְ, אַלֶעס אָפְּלָאזְן וְכוּ' וְכוּ'; אִין הִימְל לַאכְט מֶען פוּן דִי סָארְט פְּלֶענֶער, אִין הִימְל בִּיסְטוּ מֶער חָשׁוּב ווִי אַ מַלְאָךְ, מַלְאָכִים אִיז דָא גֶענוּג אִין הִימְל.

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ מִנְהָג אַלֶע יָארְן מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ מַאכְן אַ סְעוּדָה אוּן דֶערְצֵיילְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶר הָאט דָאס גֶעוואוּסְט מִיט זַיין רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אוּן אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזֶען אִין הִימְל וָואס זֵיי הָאבְּן גֶע'פּוֹעֶלְ'ט. אֵיין יָאר בַּיי דִי סְעוּדָה אִיז דָארְט גֶעזֶעצְן דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער פוּן שְׁטָאט, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט ווִיסְן וָואס מֶען הָאט אִים אָנְגֶעשְׁרִיבְן אִין הִימְל, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד: "רֶבִּי, וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן אוּן וָואס הָאט מֶען מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט?" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִים גֶעזָאגְט: "דוּ הָאסְט גֶעוֵויינְט בַּיים דַאוְוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס דַיין פַּרְנָסָה אִיז צוּ זַיין אַ וַואסֶער טְרֶעגֶער, הָאסְט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס יָאר ווִילְסְטוּ זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי מוּטְשֶׁען מִיטְן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, דוּ ווִילְסְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גְרִינְגֶערְהֵייט"; דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער זָאגְט פַארְן מַגִיד: "אֱמֶת, דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן", אוּן עֶר פְרֶעגְט דֶעם מַגִיד: "וָואס הָאט מֶען מִיר אָנְגֶעשְׁרִיבְן אִין הִימְל", זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד: "אִין הִימְל הָאט מֶען גֶעלַאכְט פוּן דִיר, אִין הִימְל הָאט מֶען גֶעזָאגְט, 'אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין שׁוּל - וָואס דַארְף מֶען דִיךְ הָאבְּן?' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָן אַ שִׁיעוּר מַלְאָכִים וָואס דִינֶען אִים - אָן זִיךְ מוּטְשֶׁען אוֹיף פַּרְנָסָה אוּן אָן קֵיין יֵצֶר הָרָע, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל דַוְקָא הֶערְן דַיינֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים וָואס דוּ כַאפְּסְט אַרוֹיס אִינְמִיטְן דַיין אַרְבֶּעט, עֶר ווִיל הֶערְן ווִי דוּ לוֹיבְּסְט אִים וֶוען עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער".

דִי וָואךְ גֵייעֶן צְוֵויי סֶדְרוֹת - מַטּוֹת אוּן מַסְעֵי; זַיי מַעֲבִיר סֶדְרָה, וַוארְט נִישְׁט בִּיז סוֹף וָואךְ.

אַ גְרוּס פוּן שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז אַ מְחַיֶ' דָא צוּ זַיין, אוֹיךְ אַ גְרוּס פוּן יְשִׁיבָה; דֶעם זוּמֶער זֶענֶען דָא אַ גְרוּפֶּע בָּחוּרִים, עֶרְלִיכֶע מִיט שֵׂכֶל; אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה יֶעדֶע רֶגַע דָא צוּ זַיין.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט**
**הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה מַטּוֹת מַסְעֵי תשפ"ג)

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז אוּנְזֶער אַרְבֶּעט יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אָב, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. ווִי אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? דָאס אִיז דוּרְךְ דִי תּוֹרָה, וֶוען אַ אִיד מַאכְט זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיג דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### דֶער צֵירוּף פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ

דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער שֵׁם הַ-וַ-יָ-ה - קֶען מֶען אוֹיסְשְׁטֶעלְן אוֹיף צְוֶועלְף וֶועגְן, אוּן דָאס זֶענֶען קֶעגְן דִי צְוֶועלְף חֳדָשִׁים, יֶעדֶע חוֹדֶשׁ שַׁיינְט אַן אַנְדֶערֶע צֵירוּף פוּנֶעם שֵׁם. אִין חוֹדֶשׁ אָב שַׁיינְט דֶער צֵירוּף אוֹיף דִי וֶועג – "הַ-וַ-יָ-ה", וָואס דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים כז ט) הַ'סְכֵּת וּ'שְׁמַע יִ'שְׂרָאֵל הַ'יוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם לַה' אֱלֹקֶיךָ – אִידִישֶׁע קִינְדֶער הֶערְט צוּ, דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג זֶענְט אִיר גֶעוָוארְן אַ פָּאלְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פַארְוָואס פוּנְקְט דֶער שֵׁם פוּן דֶעם פָּסוּק, שַׁיינְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אָב? אוּן מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, עֶס אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אִידְן אַז וֶוען מֶען ווִיל זָאגְן דֶעם שֵׁם – דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער מֶען טָאר דָאךְ נִישְׁט אַרוֹיס זָאגְן דֶעם שֵׁם, זָאגְט מֶען עֶס אוֹיף דִי וֶועג ווִי אַזוֹי עֶס שַׁיינְט אִין חוֹדֶשׁ אָב "דֶעם שֵׁם הַ-וַ-יָ-ה". פַארְוָואס פוּנְקְט אוֹיף דֶעם וֶועג?

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט ווִי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ס"ג:) אַז פוּן דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן פָּסוּק, הַ'סְכֵּת וּ'שְׁמַע יִ'שְׂרָאֵל הַ'יוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם לַה' אֱלֹקֶיךָ, לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס פִיר זַאכְן, אוּן דִי פִיר זַאכְן זֶענֶען דִי יְסוֹדוֹת ווִי אַזוֹי אַ אִיד קֶען זִיךְ גְרִינְגֶערְהֵייט צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶס טַאקֶע פַּאסִיג פַאר יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אָב וֶוען יֶעדֶער ווִיל צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן זַיין אֵייגֶענֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן אוֹיךְ אִיז עֶס ווִיכְטִיג פַאר יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן מַצָּב, אוּן דֶערְפַאר אִיז מֶען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זָאגְן דֶעם שֵׁם אוֹיף דֶעם וֶועג.

### יֶעדְן טָאג פוּן נַיי

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ לֶערְנְט דִי גְמָרָא אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, "הַיוֹם הַזֶּה" נִהְיֵיתָ לְעָם לַה' אֱלֹקֶיךָ, אַז יֶעדְן טָאג דַארְף אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן אַז הַיינְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל.

דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד דַארְף ווִיסְן וֶוען עֶר ווִיל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין חִילוּק וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן בִּיז יֶעצְט, קֶען מֶען יֶעדְן טָאג צוּרִיק קוּמֶען אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואלְט הַיינְט גֶעגֶעבְּן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן.

אַזוֹי אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, "אִיךְ וֶועל הַיינְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶּער וֶוער זָאגְט אַז מָארְגְן וֶועט עֶס נָאךְ אָנְהַאלְטְן?", עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין חִילוּק וָואס עֶס גֵייט זַיין מָארְגְן, יֶעדְן טָאג דַארְף אַ אִיד פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּכַאפְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן דִי תּוֹרָה וֶועט הֵיילִיגְן אוּן רֵיינִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אִים צוּרִיק בְּרֶענְגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה

וֶוען אַ אִיד ווִיל אָבֶּער אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען, קוּמְט אִים גְלַייךְ אַרַיין אִין קָאפּ "וֶוער בִּין אִיךְ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה? עֶס אִיז טַאקֶע דָא גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים, אִידְן וָואס גֶעבְּן זִיךְ אַוֶועק זֵייעֶר לֶעבְּן אוּן זִיצְן אוּן הָארֶעוֶוען אוּן זֶענֶען מַצְלִיחַ אִין דִי תּוֹרָה, אִיךְ קוּם דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט צוּ צוּ זֵייעֶר שְׁפִּיץ פִינְגֶער, ווִי קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְגְלַייכְן צוּ זֵיי? ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען?"

אוֹיף דֶעם קוּמְט דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ וָואס דִי גְמָרָא לֶערְנְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, "הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל הַיוֹם וְכוּ' - עֲשׂוּ כִּתּוֹת כִּתּוֹת וְעִסְקוּ בַּתּוֹרָה" - בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז דָא אַסַאךְ כִּתּוֹת, עֶס זֶענֶען טַאקֶע דָא אִידְן וָואס קֶענֶען זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין תּוֹרָה, אוּן לֶערְנֶען מִיט אַ גְרוֹיסֶע עִיוּן אוּן מִיט פִּלְפּוּלִים; אוֹיבּ אָבֶּער בִּיזְטוּ פוּן אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען אַזוֹי בְּעִיוּן, דַארְפְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, וַוייל יֶענֶער גֵייט אִין אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט בִּכְלַל וָואס מֶען זָאגְט, אוּן אֲפִילוּ מֶען גֶעדֶענְקְט גָארְנִישְׁט, בְּלוֹיז מִיטְן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אִיז מֶען מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן לִימוּד הַתּוֹרָה, אוּן דָאס רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן בְּרֶענְגְט אִים צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### אִיךְ בִּין צוּבְּרָאכְן

אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט זָאגְן, "אִיךְ ווִיל טַאקֶע לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶּער אִיךְ בִּין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אוּן צוּהַאקְט פוּן דִי צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וָואס אִיךְ גֵיי דוּרְךְ, אַז אִיךְ קֶען זִיךְ פָּשׁוּט נִישְׁט צוּזַאם נֶעמֶען אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה".

אוֹיף דֶעם קוּמְט דִי דְרִיטֶע זַאךְ וָואס דִי חַזַ"ל לֶערְנֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, "הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל - כִּתְּתוּ עַצְמְכֶם עַל דִּבְרֵי תּוֹרָה, שֶׁאֵין דִּבְרֵי תּוֹרָה מִתְקַיְּמִין אֶלָּא בְּמִי

<<<<<<

שֶׁמֵּמִית עַצְמוֹ עָלֶיהָ" - דִי תּוֹרָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט וֶוען עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער, וֶוען עֶר אִיז גֶעדְרוּקְט, דָאס הַאלְט זִיךְ בַּיים מֶענְטְשׁ, און דֶערְפַאר דַוְקָא דֶעמָאלְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת אִיז זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה. אִין תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ שְׁטֵייט (פֶּרֶק ו') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהט אַז עֶס קוּמְט אוֹיף אִים צָרוֹת און יִסּוּרִים, זָאל עֶר לוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה, און דֶעמָאלְט וֶועלְן אַלֶע יִסּוּרִים אַוֶועק גֵיין פוּן אִים.

### אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט קַיין וָוארְט

אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין אֵיין וָוארְט וָואס עֶר לֶערְנְט, עֶר צוּבְּרֶעכְט זִיךְ דִי צֵיין קוֹים אַרוֹיס צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוֹיף דֶעם קוּמְט דִי פֶּערְטֶע זַאךְ וָואס מֶען לֶערְנְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, "הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל - הַס וְאַחַר כַּךְ כַּתֵּת, דְּאָמַר רָבָא לְעוֹלָם יִלְמַד אָדָם תּוֹרָה וְאַחַר כַּךְ יֶהְגֶּה" - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוֹדֶם זָאגְן אַסַאךְ תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה, וֶועט זִיךְ זַיין מֹחַ צוּם סוֹף עֶפֶענֶען, און עֶר וֶועט פַארְשְׁטֵיין און קֶענֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

קוּמְט אוֹיס אַז פוּן דֶעם פָּסוּק הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל הַיּוֹם, וָואס פוּן דָא קוּמְט אַרוֹיס דֶער שֵׁם וָואס שַׁיינְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אָב, פוּן דֶעם פָּסוּק קוּמְט אַרוֹיס אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזּוּק פַאר יֶעדְן אִיד, אַז מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה און אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען, און אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט צָרוֹת אִיז אוֹיךְ נָאר דִי אֵיינְצִיגֶע עֵצָה צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה.

דִי אַלֶע לִמּוּדִים אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ גֶעדֶענְקְן יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט שׁוֹין דֶער חוֹדֶשׁ אָב, וַוייל דוּרְךְ דִי תּוֹרָה בַּאקוּמְט אַ מֶענְטְשׁ שֵׂכֶל און עֶר וֶוערְט צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און מִיט דֶעם פַארֶעכְט עֶר זַיין אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, עֶר בּוֹיעֶט אוֹיף אִין זַיין מֹחַ דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר בִּינְד צוּ זַיין מֹחַ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דִי תּוֹרָה.

דֶערְפַאר אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אִידְן צוּ זָאגְן דֶעם שֵׁם אוֹיף דִי וֶועג "שֵׁם הַוַיָ"ה", וַוייל דִי חִיזּוּק וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק קֶען צוּנִיץ קוּמֶען פַאר יֶעדְן אִיד שְׁטֶענְדִיג.

### מִילְכִיגְס אִין דִי נַיין טֶעג

אִין דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט טַעֲמִים פַארְוָואס אִידְן פִירְן זִיךְ צוּ עֶסְן מִילְכִיגְס אִין דִי נַיין טֶעג פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָב בִּיז תִּשְׁעָה בְּאָב (עַיֵּין ספה"ק זֶרַע קוֹדֶשׁ פ' בָּלָק ופ' דְּבָרִים), אָבֶּער מִיט דֶעם קֶען מֶען דָאס זֵייעֶר גוּט פַארְשְׁטֵיין, וַוייל יֶעצְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ נֶעמֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה, קוּמְט אוֹיס אַז דִי טֶעג זֶענֶען מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וָואס דֶעמָאלְט עֶסְט מֶען אוֹיךְ מִילְכִיגְס.

וֶוען אַ אִיד וֶועט אוֹיסְנוּצְן דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אָב צוּ מַאכְן אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. און אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט אִים אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, זָאל עֶר כָאטְשׁ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה. וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז דִי תּוֹרָה וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן אִין אִים אוֹיךְ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי כֹּחַ און חֵשֶׁק וַוייטֶער צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אַ גַאנְץ יָאר.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנוּצְן דִי טֶעג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש עֶרֶךְ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וָואס אִיז דִי לֶעזוּנְג צוּ דִי נִסָּיוֹן פוּן עֶי. אֵיי (AI)?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר מַיין לֶעבְּן. אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ ה' יֶעדְן טָאג פוּן יָאר, און פַאר אַלֶע עֵצוֹת און חִיזּוּק, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען אַלֶעס.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, לֶעצְטְנְס זֶענֶען אַלֶע מוֹסְדוֹת פַארְנוּמֶען צוּ מַאכְן אֲסִיפוֹת וֶועגְן עֶי. אֵיי. AI, וִוי שֶׁעדְלִיךְ דָאס אִיז פַאר קִינְדֶער, אַז זֵיי בַּאקוּמֶען אַ גוֹי'אִישֶׁע כְּמוֹ-חָבֵר אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן, און מֶען דַארְף אֲפִילוּ נִישְׁט קֵיין אִינְטֶערְנֶעט פַארְדֶעם, מֶען קֶען עֶס פָּשׁוּט רוּפְן אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן, אָבֶּער אִיךְ הֶער נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם קֵיין לֶעזוּנְג צוּ דֶעם פְּרָאבְּלֶעם. אִיךְ וֵוייס אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פַאר אַלֶעס, וְוייל אִיךְ וְויסְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דֶעם, און אוֹיךְ וָואס זָאל אִיךְ זָאגְן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער וֶועגְן דֶעם?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, ט"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי נִסְיוֹנוֹת אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס, מִיר הָאבְּן הַיינְט גְרֶעסֶערֶע נִסְיוֹנוֹת פוּנֶעם דוֹר הַמַּבּוּל און פוּן דוֹר הַפְּלָגָה. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, אִינֶעם דוֹר הַמַּבּוּל אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע נִסְיוֹנוֹת וִוי הַיינְט, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶען שְׁמוּץ פוּן אַנְדֶערֶע שְׁטֶעט, פוּן אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער; אָבֶּער הַיינְט קֶען מֶען זֶען אִין קָאמְפְּיוּטֶער, אִין אַ קְלֵיינֶעם טֶעלֶעפָאן, אִין אַ קְלֵיינֶעם מַאשִׁינְדְל - שְׁמוּץ פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט רַחֲמָנָא לִצְלַן; דִי פְּרִיצוּת אִיז גֶעפֶערְלִיךְ, דִי טוּמְאָה אִיז זֵייעֶר פַארְשְׁפְּרֵייט, עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע נִסְיוֹנוֹת וִוי הַיינְט.

אַלֶע שְׁטֵייעֶן מִיט שְׁרֶעק און פְרֶעגְן 'וָואס גֵייט זַיין מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ? וִוי אַזוֹי גֵייט דִי וֶועלְט אוֹיסְזֶען אִין צֶען יָאר אַרוּם? אִין צְוָואנְצִיג יָאר אַרוּם? וִוי קֶען זַיין אַ דוֹר מִיט אַזוֹיפִיל טוּמְאָה? וָואס קֶען מֶען טוּן?' עֶס אִיז עֶק וֶועלְט; מוֹהֲרָא"שׁ עֶנְטְפֶערְט דִי פְּרַאגֶע, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, אַז עֶס אִיז אַזוֹי גְרִינְג צוּצוּקוּמֶען צוּ אַלֶע טוּמְאָה און זוּהֲמָה - מוּז אוֹיךְ זַיין זֵייעֶר גְרִינְג צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, וַוייל: "גַּם אֶת זֶה לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה הָאֱלֹקִים" (קֹהֶלֶת ז, יד), אַז דִי טוּמְאָה אִיז גֶעפֶערְלִיךְ - אִיז דִי קְדוּשָּׁה אוֹיךְ זֵייעֶר גֶעפֶערְלִיךְ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִישְׁט נִסְיוֹנוֹת אוּמְדֶערְטְרֶעגְלִיךְ, אָן אַ רְפוּאָה. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה יג:) "אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַכֶּה אֶת יִשְׂרָאֵל", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט נִישְׁט קֵיין שְׁוֶועריִקְייטְן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, "אֶלָּא אִם כֵּן בּוֹרֵא לָהֶם רְפוּאָה תְּחִילָּה", נָאר נָאכְן אָנְגְרֵייטְן אַ הֵיילוּנְג. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (הוֹשֵׁעַ ז, א): "כְּרָפְאִי לְיִשְׂרָאֵל", וֶוען אִיךְ וִויל הֵיילְן דִי אִידְן, "וְנִגְלָה עֲוֹן אֶפְרַיִם", וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט דִי עֲבֵירוֹת זֵייעֶרֶע; און אַז מִיר שְׁטֵייעֶן בַּיים סוֹף פָּסוּק פוּן "וְנִגְלָה עֲוֹן אֶפְרַיִם", אוּנְזֶער דוֹר אִיז אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, דַארְף מֶען וִויסְן אַז מִיר הָאבְּן דֶעם אָנְפַאנְג פָּסוּק פוּן "כְּרָפְאִי לְיִשְׂרָאֵל", עֶס אִיז דָא אַ רְפוּאָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁטֵייט קֶעגְן דִי טוּמְאָה פוּנֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, און וֶוער עֶס לֶערְנְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, זַיינֶע הֵיילִיגֶע חִיזּוּק און עֵצוֹת - הָאט אַ וֶועג צוּ בֵּייקוּמֶען אַלֶע נִסְיוֹנוֹת און זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיק צַייט פוּן זַיין לֶעבְּן - אֵיידֶער זַיין הִסְתַּלְּקוּת - נָאר פוּן אֵיין זַאךְ, פוּן אֱמוּנָה; וַוייל דָאס אִיז דִי רְפוּאָה פַאר אַלֶע נִסְיוֹנוֹת, מֶען זָאל גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ אִיבֶּעראַל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר און נֶעבְּן מִיר, אִיךְ קֶען צוּ אִים רֶעדְן און עֶר הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס אִיךְ בֶּעט אִים; דָאס רַאטֶעוֶועט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת.

מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה און פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם. דֶערְצֵייל פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר פִירְט אַלֶעס, עֶר טוּט און מַאכְט אַלֶעס, רֶעד צוּ זֵיי אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה, און וֶוען דוּ שְׁמוּעֶסְט מִיט זֵיי, פוּן וָואס זָאל נָאר זַיין; פוּן נֵייעֶס, פוּן מַעֲשִׂיּוֹת, פוּן וָואס נִישְׁט - אַלְץ זָאלְסְטוּ פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּפְלֶעכְטְן דִי אֱמוּנָה, וַוייל דָאס אִיז דֶער עִיקָּר פוּן אַלֶעם.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט זֵיי פוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין קְדוּשָּׁה, נִישְׁט צוּרִירְן צוּם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, און אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם אַ חָבֵר אָדֶער אַ צְוֵוייטֶער וִויל אִים אָנְרִירְן - זָאל עֶר אַנְטְלוֹיפְן און שְׁרֵייעֶן, און אַוַדַאי קוּמֶען דֶערְצֵיילְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פִּנְחָס תשפ"ג)

BreslevCenter.com\answers

## שְׁוֶוערֶע טֶעג

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קיט) יֶעדֶער אֵיינֶער לַיידְט יִסוּרִים, עֶס אִיז נִישְׁט פַּארְהַאן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס זָאל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין יִסוּרִים. אוּן אֲפִילוּ דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים זֶענֶען אוֹיךְ פִּיל מִיט יִסוּרִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב ה, ז): "אָדָם לְעָמָל יוּלָּד, קְצַר יָמִים וּשְׂבַע רֹגֶז", אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען, דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז וֵוייניג אוּן פִּיל מִיט וֵוייטָאג. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (קֹהֶלֶת ב, כג): "גַּם כָּל יָמָיו כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת", דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פִּיל מִיט כַּעַס אוּן וֵוייטָאג אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין שׁוּם עֵצָה וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן – נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה.

אָבֶּער דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען זָאל אוֹיפְנֶעמֶען דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם חֵלֶק א׳, סִימָן קצה) אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זוּכְן אִין דִי צָרָה דָאס גוּטְס וָואס אִיז דָא, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן, דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אוֹיף וָואס עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע טֶעג – הָאט עֶר גֶעזוּכְט דָאס גוּטְס. אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים ד, ב): "׳בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי׳, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דֶעם וָואס אִין דִי צָרָה – הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט", אוּן וֶוען מֶען קוּקְט אוּן מֶען זוּכְט דָאס גוּטְס, אוּן מֶען דַאנְקְט אוֹיף דָאס גוּטְס – וֶוערְט בֶּאֱמֶת אַן הַרְוָחָה, עֶס וֶוערְט בְּרֵייט; וַוייל וִוי נָאר מֶען הוֹיבְּט אָן דַאנְקֶען, מֶען הוֹיבְּט אָן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – וֶוערְט זֵייעֶר גוּט.

לָאז אָפּ דִי חָכְמוֹת, נֶעם דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט – וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר גֶעבְּן נָאךְ אוּן נָאךְ חֲסָדִים. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט נָאךְ פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אָפּ, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: ׳קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיךְ גֶעב אִים גוּטְס אוּן דָאךְ רֶעדְט עֶר זִיךְ אָפּ, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט שְׁלֶעכְטְס׳, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: ׳קוּק אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אִין זַיין לֶעבְּן אוּן דָאךְ אִיז עֶר אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן דַאנְקְבַּאר, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט גוּטְס׳, אוּן מֶען גֶעבְּט אִים אַ גוּטֶע לֶעבְּן".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מַטּוֹת מַסְעֵי תשפ"ג)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# פרישע בענדער פון ספר הקדוש "עצתו אמונה"

ברוך השם אז נאך אסאך מי׳ און פלאג ערווארט מען שוין דעם פרישן באנד "עצתו אמונה" חלק ז׳ וואס אנטהאלט הערליכע שיינע חיזוק בריוו אין פילע ענינים וואס וועט ווי די פריערדיגע בענדער מחי׳ זיין און מחזק זיין אלע וואס וועלן לערנען דערין.

אבער בשעת מיר שרייבן די נייעס איבער דעם חלק ז׳ וואס ווערט געדרוקט אין די יעצטיגע טעג, קענען מיר מעלדן אז אויך חלק ח׳ האלט שוין ביי די לעצטע שטאפלען, מען האט ביז יעצט מגיה געווען בי"ג נפה, מען האט מנקד געווען, און צוגעלייגט די מראה מקומות, און אין די טעג האלט מען שוין ביים אויסשטעלן די עמודים און מען האפט בסייעתא דשמיא צו גיין צום דרוק אין וויינעגער פון צוויי וואכן.

אנשי שלומינו דאנקען דעם אויבערשטן אז ער האט אונז איבערגעלאזט זיינע צדיקים אין די היינטיגע דורות, און מיר האבן די זכיה צו אז דער ראש ישיבה שליט"א געבט אונז ווייטער איבער די הייליגע עצות און וועגן פון הייליגן רבי׳ן אויף די וועג ווי מוהרא"ש האט עס אונז געלערנט.

די גאנצע ארבעט ווערט באגלייט מיט די פערזענליכע הדרכה פונעם ראש ישיבה שליט"א און ווערט געטון דורך די בארימטע מכון "עצתו אמונה" וואס ווערט געפירט דורך מו"ה יואל מנחם גרשון שניטצלער הי"ו. ווי די מכון עצתו אמונה געבט איבער קומט זיך א געוואלדיגע הכרת הטוב פאר די פילע אנשי שלומינו וואס העלפן ארויס מיט אלעם וואס זיי קענען, דער מיט געלט, דער מיט טירחא, זאל זיי דער אויבערשטער באצאלן מיט אלעם גוטן. בפרט דארף מען זיך באדאנקען פאר די חשובע מגיהים און מנקדים וואס לייגן אריין געוואלדיגע כחות אז דער ספר זאל ארויסגיין ווי ווייט מעגליך אן קיין גרייזן, אויך דארף מען אנערקענען אין די ארבעט וואס מו"ה ישעי׳ אײדליס הי"ו לייגט אריין ארויסצוהעלפן מיט פארשידענע טעכנישע ענינים און בפרט אין שאפן די נדבנים צו דעקן די קאסטן. אין ארץ ישראל, ווי מען דרוקט די ספרים, לייגט מו"ה שמעון עוזר פערל הי"ו פון ירושלים אריין גרויסע כחות און העלפט ארויס מיט אלעם וואס מען דארף בפרט זיכער צו מאכן אז די ספרים ווערן ארויסגעשיקט און קומט אן קיין אמעריקע וואס שנעלער.

אין די טעג ווערט ארויסגעשיקט אויף א שנעלע וועג א באגרעניצטע צאל ספרים פון די פרישע חלק ז׳, ספעציעל צו ווערן געטיילט דורכ׳ן ראש ישיבה שליט"א פאר די אלע וואס האבן מנדב געווען צו דרוקן די ספרים, מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף האפן מיר בקרוב צו מעלדן ווען דער ראש ישיבה שליט"א וועט עס טיילן. די גרויסע שיפמענט וועט בעז"ה געשיקט ווערן מיט א שיף, און וועט האפנטליך אנקומען אין די נאנטע וואכן בעז"ה.

***

# סיטואציע ביי די גרעניצן אין אוקריינע

די פילע אנשי שלומינו וואס זענען געקומען פאריאר צום הייליגן רבי׳ן אויף אומאן האבן טאקע געדארפט איבערקומען זייער אסאך שוועריקייטן, אבער ברוך השם אז די גרעניץ איז דורך זייער גרינג און געשמאק ביי די אלע וואס זענען מיטגעקומען מיט די פלען-איט-רייט נסיעה. אבער אויסער די וועלכע זענען געקומען מיט די פלען-איט-רייט גרופע, זענען געווען נאך פילע שווערע צענדליגע טויזנטער אידן וואס זענען געפארן מיט קארס, ווענט און באסעס, און זענען געפארן צענדליגע שעות אויף די וועגן און אויף די שטעגן און האבן זיך מוסר נפש געווען אנצוקומען צום רבי׳ן אויף ראש השנה.

צום גרויס ווייטאג פון פילע האבן די גרעניץ באאמטע זיך בכלל נישט גערעכנט מיט די שווערע טורח הדרך פון די פילע רייזנדע, זיי האבן געארבעט רואיג און פויל, בשעת די פילע ווארטנדע דורכגייער זענען שוין געווען ערשעפט און מיד פון די לאנגע שווערע וועג און האבן אזוי שטארק זיך שוין געוואלט זען ביים אכסניה אין אומאן. די זעלבע זאך האט זיך אפגעשפילט ביי די אלע וואס זענען געקומען מיט פריוואטע קארס און באסעס ווען זיי זענען אנגעקומען צום אריינגאנג פון אומאן האבן די סאלדאטן פריש אויפגעהאלטן אנשי שלומינו מיט נארישע זאכן, מען האט יעדן געהייסן אויספאקן אלע רענצלעך און עס האט זיך געצויגן א רייע פון קארס פאר שעות לאנג.

עסקנים פון אנשי שלומינו האבן זיך דאס יאר אריינגעלייגט אז דאס זאל זיך נישט דארפן איבער׳חזר׳ן מיט׳ן אויבערשטנ׳ס הילף. די אוקריינע רעגירונג זאגט אז זיי גייען זיך רעכענען מיט דעם און גייען אנגרייטן גענוג באאמטע אין די צייטן וואס אנשי שלומינו פארן און קומען אין די טעג פון ראש השנה, און מיר זענען אלע מתפלל און בעטן דעם אייבערשטן אז יעדער זאל גרינג קענען אנקומען צום הייליגן רבינ׳ס ציון אויף ראש השנה און פועל׳ן אלעס גוטס.

פאר אלע אומאן געברויכן קען מען רופן פלען-איט-רייט אויף 845-678-3555.

גלייכצייטיג ווילן מיר נאכאמאל דערמאנען אז די לעצטע זמן אנצוהאלטן די רעזערוואציעס ביים בנין היכל הקודש אין אומאן איז די וואך מיטוואך, ראש חודש אב, מאכט זיכער צו האבן באצאלט אייער באלאנס ביז דעם דעדליין. כדי איר זאלט נישט פארלירן אייער געלט און רעזערוואציע.


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה מנחם יעקבזאן הי"ו
גבאי ביהמ"ד היכל הקודש מודיעין עילית
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב
***
מו"ה משה עקשטיין הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

## ס׳פליען שטיינער

געטראפן דעם סמבטיון! עס פליען שטיינער א גאנצע וואך און שבת רועט עס. הערט די גאנצע השתלשלות פון די נייע אנטדעקונג
קול ברסלב
212-444-9191
1, 2, 1, 9, 2, 52

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
347-509-4908
און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל breslevcenter@gmail.com

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876

< BreslevCenter.com >